NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05066

HONI HA-MAAGAL

R. Gutman

*Permanent preservation of this book was made possible
by Peter & Deborah Wexler*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר. גוטמאַן.

חוֹנִי הַמְעַגֵּל

קינדער־ביבליאָטעק, פאַרלאַג „יודיש“, וואַרשע

Druk. SZ. SIKORA i I. MYLNER Warszawa. Nowolipki 6.

אין אֶרֶץ-יִשׂרָאֵל, אין דער שטאָדט מאַגלאָ, האָט אַמאָל געלעבט אַ גרויסער צַדִיק, וואָס האָט געהייסען חוֹנִי.

איינמאָל איז אויסגעפאַלען אַ טריקעניש, אַקוראַט אין חוֹדֶש אֲדָר, ווען אין אֶרֶץ-יִשׂרָאֵל איז דער רעגען זעהר נויטיג,— האָבען זיך אַלע דערשראָקען און מען האָט געקוקט אויף די פעלדער מיט טריבע, אומעטיגע אויגען.

ווען דער גאַנצער חוֹדֶש אֲדָר איז שוין כִּמְעַט ווי אַריבער און קיין רעגען איז נאָך אַלץ נישט געווען, זענען די יודישע חֲכָמִים געקומען צו חוֹנִי הַמְעַגֵל און האָבען צו איהם אַזוי געזאָגט:

—רֶבִּי, טהו תְּפִילָה, אַז גאָט זאָל געבען רעגען. אַנישט, ווערט, חָלִילָה, זיין אַ הונגער.

חוֹנִי האָט געזעהן, אַז דאָס פאָלק געפינט זיך אין אַ גרויסער צָרָה, האָט ער תְּפִילָה געטהאָן:

—גאָט, גאָט, גיב אַ רעגען צוליב די קליינע קינדערס וועגען!

האָט גאָט אָבער זיין תּפִילָה נישט געהערט, און קיין רע־
גען נישט געגעבען.

דעמאָלט איז חוֹנִי אַרויסגעגאַנגען אין פעלד, געמאַכט אי
זאַמד אַן עִגוּל, זיך אַריינגעשטעלט אינדערמיט און אויסגע־
רופען:

—רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם, דיינע קינדער האָבען זיך געווענדט צו
מיר, איך זאָל בעטען צו דיר. איך שווער ביי דיין גרויסע
נאָמען, אַז איך וועל זיך נישט ריהרען פון אָרט, ביז ד
וועסט זיך נישט מְרַחֵם־זיין אויף דיינע קינדער!

און באַלד ווי ער האָט נאָר אַרויסגעזאָגט די לעצט
ווערטער פון דערדאָזיגער שבוּעָה, האָט גענומען דונערן או
בליצען, און אַ פייכט ווינדטעל האָט אָנגעהויבען בלאָזען, או
די צווייגען פון די בוימער האָבען זיך צעוויגט, און אַ קליי
רעגענדל האָט אָנגעהויבען קאַפּען אויף דער ערד.

אָבער דאָס איז געווען אַ קליין און שוואַך רעגענדל, וואָ
האָט נישט געקאָנט אָנטרינקען די דורשטיגע פעלדער.

האָט חוֹנִי נאָכאַמאָל זיך אָנגערופען צו גאָט.

—נישט אַזוי האָב איך דיך געבעטען, גאָטעניו. גיב
רעגען אַ גרויסען, גיב אַ גוס־רעגען, אַז די דורשטיגע ערד זאָ
זיך גוט אָנטרינקען!

חוני-המעגל שטעהט אין פֿעלד און בעט אויף א רעגען.

האָט זיך אַ שטאַרקער דונער געלאָזט הערען, און באַלד דערויף האָבען פייערדיגע בליצען דורכגעשניטען די לופט און די טויערן פון הימעל דאָבען זיך געעפענט און אַ שלאַקסרעגען איז אַראָבגעפאַלען און דאָס וואַסער האָט, ווי אַ גרויסער שטור-מישער יַם בעדעקט די אויסגעטריקענטע ערד.

האָבען זיך די יודען פון דאָסניי דערשראָקען. צווישען הימעל און ערד האָט געטאַנצט איין שטיק וואַסער, וואָס האָט געקאָנט חָרוב-מאַכען שטעדט און ישובים.

און דעמאָלט האָט חוֹנִי הַמְעַגֵל ווידער תְּפִילָה געטהאָן צו גאָט:

–איך בעט דיך, גוטער גערעכטיגער פאָטער אין הימעל, האָב רַחֲמָנוּת אויף דיין פאָלק יִשְׂרָאֵל, און גיב איהם אַ גוטען רעגען, אַ רעגען פון בְּרָכָה.

איז דעם בּוֹרֵא די תְּפִילָה געפעלען געוואָרען, און ער האָט אָנגעהויבען גיסען אַ געוועהנליכער מיטעלער רעגען, און די ערד האָט זיך אָנגעטרונקען, און די גריבער און ברונעמס זענען אָנגעפילט געוואָרען מיט וואַסער, צו טרינקען פאַר מענשען און פיה, און גרויס און קליין האָבען געטאַנצט און געזונגען פון שִׂמְחָה.

* *

*

רייט איינמאָל חוני המעגל אין פעלד, זעהט ער אַ גרייז־גראָהען זקן, וואָס האָט געפלאַנצט אַ באָקסערבוים. האָט איהם חוני המעגל געפרעגט:

—און וויפיל יאָהר אַרום וועט דער בוים געבען פירות?

האָט דער זקן געזאָגט:

—אין זיבעציג יאָהר אַרום.

זאָגט צו איהם חוני המעגל:

—צי איז דען מעגליך, אַז דו זאָלסט עסען די פּירות פון דעמדאָזיגען בוים, וואָס דו פלאַנצסט? היינט צו וואָס לוינט עס דיר צו אַרבייטען, אַז דו וועסט די פּירות נישט עסען?

האָט דער זקן אויפגעהויבען אַ פּאָר רוהיגע אויגען און זיך אָנגערופען:

—איך האָב געפונען באָקסער אויף דער וועלט. און אַזוי ווי מיינע עלטערן האָבען געפלאַנצט באָקסערבוימער פאַר מיר, אַזוי פלאַנץ איך באָקסערבוימער פאַר מיינע קינדער.

דער טאָג איז געוועזען אַ הייסער, די זון האָט שטאַרק געבערענט

און חוני המעגל׳ס אייזעל האט קוים געשלעפּט די פיס איבער׳ן שווערען זאמדיגען וועג. האט חוני המעגל געלאָזט זיין אייזעל זיך פיטערן אויפ׳ן גראָז און אליין האט ער זיך אנידערגעזעצט אויף א בערגעל און געטראכט פון וועלט און מענשען, ווי גאָט האט דאס אלץ בעשאפען, אז יעדער זאל ארבייטען, נישט בלויז פאר זיך, נאר אויך פאר אנדערע, כדי די וועלט זאל האבען א קיום.

און אזוי ווי חוני המעגל איז געזעסען און געטראכט, איז ער פּלוצלונג איינגעשלאפען מיט א שטארקען שלאף. פון דער ערד זענען ארויסגעוואקסען הויכע פעלזען-שטיינער ארום דעם אָרט, וואו ער איז געשלאפען און זיי האבען איהם פערשטעלט פון אלע זייטען און קיינער האט נישט געקאָנט בעמערקען, אז דאָ שלאפט א מענש.

אזוי האט חוני המעגל אבגעשלאפען גאנצע זיבעציג יאָהר.

אָבער אז ער האט זיך אויפגעכאפּט, האט ער געמיינט, אז ער איז בלויז איין נאכט געשלאפען. האט ער זיך אנגעהויבען ארומקוקען ארום זיך, זעהט ער, אז זיין אייזעל איז נישטאָ, דערפאר אָבער פיטערן זיך אויפ׳ן גראָז גרויסע טשערעדעס מיט אַלטע און יונגע אייזלען. נעבען איהם, אויף יענעם אָרט, וואו דער

גרייז-גרויער זָקֵן האָט דעם באָקסערבוים פּערפּלאָגצט, וואַקסט איצט אַ בוים מיט שענע זעפטיגע באָקסער און אַ יונגערמאַן קלייבט זיי אַרום.

האָט חוֹנִי הַמְעַגֵּל נישט פערשטאַנען, ווי אַזוי ער קומט אַהער און האָט געזוכט דעם וועג אַהיים, צו זיין שטאָדט מאַגלאָ.

אָבער ער האָט דעם וועג נישט דערקאָנט, ווארום אַלץ האָט זיך געענדערט און דער וועג האָט זיך אויך געענדערט. איז חוֹנִי הַמְעַגֵּל אַוועק מיט אַנ׳אונבעקאַנטען וועג אין שטאָדט אַריין און האָט זיך שטאַרק גע׳חִדוש׳ט, און אַז ער האָט געטראָפען מענשען, וואָס זענען געגאַנגען פון שטאָדט, האָט ער זיך נאָכ-מֶעהר גע׳חִדוש׳ט. ער האָט קיין איינעם פון זיי נישט דער-קאָנט... וואו זענען פערשוואונדען געוואָרען די אַלע בעקאַנטע און פריינד? סטייטש, ער האָט דאָך אַלעמען געקאָנט און אַלע האָבען איהם געקאָנט? איהם האָט זיך גערדאַכט, אַז ער בלאָנ-זשעט, אַז ער געפינט זיך אויף אַ פרעמדען וועג און ער האָט געפרעגט ביי די דורכגעהער:

—זאָגט מיר, גוטע מענשען, ווי הייסט דידאָזיגע שטאָדט?

—מאַגלאָ, מאַגלאָ,—האָבען אַלע צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

—מאַגלאָ?—האָט ער זיך געוואונדערט און האָט איבער-געווישט דעם שטערען, פונקט ווי ער וואָלט זיך געפּרובט,

צי הערט ער עס אויפ׳ן וואָהר אָדער אין חָלוֹם.

אַריין אין שטאָדט, האָט ער נאָך לאַנגער מיה אָבגעזוכט זיין שטוב, אָבער אַז ער האָט געעפענט די טיר און איבערגע-טראָטען די שוועל, האָט ער געטראָפען בלויז פרעמדע מענ-שען.

און חוֹנִי הַמְעַגֵל האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ.

—איך בין דאָך חוֹנִי הַמְעַגֵל!—האָט ער געשריען,—וואו זענען אַלע מייניגע?

די פרעמדע מענשען האָבען איהם ווילד אָנגעקוקט און געדריקט מיט די אַקסלען.

—וואָס רעדט איהר, ר׳ יוד? מיר האָבען געהערט פון אונזער עלטער-עלטערזיידען, חוֹנִי, אָבער ער איז שוין אַ וואָ-סערע זיבעציג יאָהר אויפ׳ן עוֹלָם הָאֱמֶת...

חוני המעגל איז אַרויס פון זיין הויז, אַ צומישטער, און איז אַוועק אין בֵּית-הַמִדְרָש. דעם בֵּית-הַמִדְרָש האָט ער נאָך דער-קאָנט, הַגַם ער האָט זיך שוין אויך שטאַרק פערענדערט, אָבער פון די מענשען האָט ער דאָרט קיין איינעם נישט דערקאָנט.

איינער אַ יוד האָט איהם אָבגעשטעקט אַ שָׁלוֹם-עֲלֵיכֶם. פרעגט איהם חוני המעגל:

—זאָגט מיר, ר׳ יוד, וואו איז ר׳ שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטָח?

„איך בין דאָך חוני-המעגל! פֿאַרוואָס דערקענט מען מיך נישט?“

האָט דער יוד געדריקט מיט די אַקסלען און זיך אָנ-
גערופען:

—ר׳ שִׁמעוֹן בֶּן שָׁטַח פרעגט איהר? שוין פערציג יאָהר,
ווי ער איז נִפטָר-געוואָרען.

האָט חוֹנִי געגאַפט: שִׁמעוֹן בֶּן שָׁטַח איז געווען אין
זיין עלטער, ערשט „נעכטען" האָט ער דאָך געלעבט, פאַרוואָס
הער׳ט ער איצט, אַז שוין פערציג יאָהר, ווי ער איז טויט?

אַ פערגאַפטער, האָט זיך חוֹנִי הַמְעַגֵּל אַרומגעקוקט. יודען
זיצען און לערנען און איינער רופט זיך אָן צום צווייטען:

—ווייסטו, אין חוֹנִי הַמְעַגֵּל׳ס צייטען זענען די הֲלָכוֹת גע-
ווען קלאָר, ווייל ער האָט געוואוסט ווי צו פערענטפערן אַלע
האַרבע קֻשיוֹת.

זענען חוֹנִי הַמְעַגֵּל אָנגעלאָפען טרעהרען אויף די אויגען
און ער האָט געמאַכט אַ טריט נעהנטער צו די לערנער און האָט
זיך אָנגערופען:

—גאָט אין הימעל, איך בין דאָך חוֹנִי הַמְעַגֵּל!

אָבער די לערנער האָבען זיך צולאַכט, און איינער, אַנ׳-
עלטערער יוד, האָט איהם בעמערקט מיט אַזאַ טאָן, ווי מען
רעדט צו אַ משוגענעם:

—חוֹנִי הַמְעַגֵּל האָט געלעבט מיט זיבעציג יאָהרען צוריק.

אַזאַ אַלטער יוד ווי איהר בעדאַרף זיך נישט מאַכען צום נאַר!

ערשט דעמאָלט האָט חוֹנִי הַמְעַגֵל פערשטאַנען, אַז דאָס האָט איהם גאָט געשטראָפט דערפאַר, ווייל ער האָט זיך גע׳חדוש׳ט אויפ׳ן זָקֵן, וואָס האָט געפלאַנצט אַ באָקסערבוים. און חוֹנִי הַמְעַגֵל האָט אויך פערשטאַנען, אַז גאָט האָט איהם געוויזען, אַז אַ מענש אַרבייט נישט בלויז פאַר זיך, און אַז אַלע מענשען געניסען פון דער אַרבייט פון זייערע זיידעס, און דעריבער דאַרפען זיי אויך אַרבייטען פאַר זייערע אייניקלעך.

און חוֹנִי הַמְעַגֵל האָט זיך דערשפירט העכסט אומגליקליך. ער האָט קיינעם נישט געקאָנט, און קיינער האָט איהם נישט געקאָנט און, אַנ׳עלענדער, האָט ער געשפרייזט איבער דער אייגענער שטאָדט און, אַנ׳עלענדער, האָט ער אָנגעקוקט דעם נייעם דוֹר, אין וועלכען ער האָט קיין חָבֵר און קיין פריינד נישט געפונען. און איינמאָל האָט ער זיך אָנגערופען אין גרויס אַנגסט:

—אָדער חַבֵר׳שאַפט, אָדער דער טויט!

און ער האָט געבעטען דעם טויט אויף זיך.

האָט גאָט צוגעהערט זיין תְּפִלָה, וואָס איז געווען אָנגעזאַפט מיט גרויס צַעַר, און חוֹנֵה הַמְעַגֵל איז נִפְטַר-געוואָרען.

שטיל, ווי אַ קינד, האָט ער צוגעמאַכט זיינע אויגען אויף אייביג.

* *
*

נאָך חוֹנִי הַמְעַגֵל זענען געבליבען צוויי אייניקלעך, גרויסע צַדִיקִים. דאָס זענען געווען אַבָּא חִלְקִיָה, חוֹנִי הַמְעַגֵל זוהנס אַ זוהן, און חָנָן הַנֶחְבָּא, אַ זוהן פון זיינער אַ טאָכטער.

איינמאָל האָט דאָס פעלד געבענקט נאָך רעגען, און קיין רעגען איז נישט געגאַנגען. האָט מען געשיקט צו אַבָּא חִלְקִיָה צוויי תַלְמִידֵי־חֲכָמִים, ער זאָל בעטען רַחֲמִים. האָבען זיי איהם געטראָפען אין פעלד, בשעת ער האָט געאַקערט די ערד.

האָבען זיי איהם געבענשט, אָבער ער האָט זיי נישט געענטפערט.

פאַרנאַכט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט אַבָּא חִלְקִיָה אויפגעהויבען אַ בינטעל האָלץ און גענומען אויף איין אַקסעל, און זיין בֶּגֶד, וואָס ער האָט אויסגעטהאָן — אויפ'ן צווייטען אַקסעל, און איז אַוועק אַהיים. די תַלְמִידֵי־חֲכָמִים זענען איהם נאָכגעגאַנגען. ווען זיי זענען געקומען צו אַ טייך, האָט

אַבָּא חִלְקִיָה אָנגעטהאָן די שיך אויף די באָרוועסע פיס און דורכגעגאַנגען דעם טייך אַרויסגעהענדיג פון טייך, האָט ער די שיך אויסגעטהאָן, און ווייטער געגאַנגען באָרוועס.

אין וועג האָבען זיי געטראָפען אַן׳אָרט, וואָס איז געווען בעוואַקסען מיט דערנער, האָט אַבָּא חִלְקִיָה געשווינד אויסגעטהאָן די שיך, פערשאַרט די הויזען ביז איבער די קניה און אַזוי דורכגעגאַנגען די דערנער, וואָס האָבען איהם שטאַרק געשטאָכען די פיס.

געקומען אַהיים, האָט ער געדאַוועט, זיך געוואַשען צום עסען און זיך געזעצט צום טיש מיט זיינע ווייב און צוויי זיהן. דעם עלטערן זוהן האָט ער געגעבען איין זעמעל און דעם אַנדערן זוהן—צוויי זעמעל. אַזוי האָבען זיי געגעסע און די פרעמדע מענשען, וואָס ער האָט געטראָפען ביי זיך אין שטוב, האָט ער נישט געבעטען צום טיש, און אַפילו נישט געפרעגט, ווער זיי זענען און וואָס זיי פערלאַנגען.

אָבגעגעסען, רופט זיך אָן אַבָּא חִלְקִיָה צום ווייב:

—די מענשען זענען געקומען, איך זאָל בעטען רחמים אויף רעגען; לאָמיר ביידע אַרויף אויפ׳ן בוידעם, און ווועלען מִתְפַּלֵל־ויין אויף רעגען; די מענשען וועלען אַזויאַרום נישט וויסען, אַז מיר האָבען געבעטען רַחמִים, וועלען זיי אונז נישט בעדאַר־

פען דאַנקען.

וועו אַבָּא חִלְקִיָה האָט תְּפִלָה-געטהאָן, האָט ער דערזעהן, ווי אַ וואָלקען הויבט-אָן בעדעקען דעם הימעל, האָט ער זיך געווענדעט צו די לייט און געפרעגט:

—זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פערלאַנגט איהר?

האָבען די מענשען איהם געזאָגט:

—מיר זענען געקומען בעטען אויף רעגען.

רופט זיך אָן אַבָּא חִלְקִיָה:

—איהר בעדאַרפט מיך נישט בעטען, גאָט האָט אייך צוגעשיקט אַ רעגען.

אָבער די תַּלְמִידֵי-חֲכָמִים האָבען פערשטאַנען און זיך אָנגערופען:

—מיר ווילען דיר שטעלען עטליכע פראַגען.

דערויף האָט ער בעמערקט:

—אַדְרַבָּא, פרעגט.

האָבען די מענשען געפרעגט:

—פאַרוואָס האָסטו אונז נישט געענטפערט, ווען מיר האָבען דיר געזאָגט: גאָט העלף?

אַבָּא חִלְקִיָה האָט געענטפערט:

—איך האָב זיך פערדונגען צו אַרבייטען אַ גאַנצען טאָג, און

אַז איך וואָלט אייך ענטפערן, וואָלטען מיר בּיסלעכווייז אָנ-
הויבּען שמועסען, און דערווייל וואָלט ליידען די אַרבּייט.

האָבּען זיי ווידער געפרעגט:

—פאַרוואָס האָסטו גענומען דאָס בּינטעל האָלץ אויף איין אַקסעל און דיין בּגד אויף דעם צווייטען?

האָט ער זיי ווידער געענטפערט:

—דער בּגד איז געווען אַ געבּאָרגטער, האָבּ איך נישט געוואָלט איהם קאַליע מאַכען.

שטעלען זיי איהם נאָך אַ פראַגע:

—פאַרוואָס בּיזטו געגאַנגען בּאָרוועס אויף דער יבּשה און אין וואַסער האָסטו אָנגעטהאָן די שיך?

און ער ענפערט ווייטער:

—אויף דער טריקעניש קאָן מען זיך אָבּהיטען, אָבּער אין וואַסער זעהט מען נישט, האָבּ איך אָנגעטהאָן די שיך, כּדי איך זאָל זיך נישט צוקלאַפּען די פיס.

פרעגען זיי ווידער:

—פאַרוואָס האָסטו אויפגעהויבּען די הויזען איבּער די קניה, ווען דו בּיזט געגאַנגען איבּער דערנער?

און ער זאָגט זיי:

—ווייל די הויזען, אַז זיי וועלען זיך צורייסען, וועלען זיי

שוין צוריק נישט ווערען גאַנץ, און די פּיס אָפּער ווערען זיך פערהיילען.

האָבען די מענשען געזאָגט מיט התפּעלות:

—מען זעהט, אַז דו ביזט אַ חכם. נאָר, זאָג, פאַרוואָס האָסטו אונז נישט געבעטען עסען?

זאָגט ער זיי:

—ווייל איך האָב געהאַט ווייניג עסען, עס האָט קוים געקלעקט פאַר מיינע בני־בית, האָב איך נישט געוואָלט מיט'ן מויל בעטען, און אין האַרצען קלערען אַנדערש.

פרעגען זיי ווייטער:

—פאַרוואָס האָסטו דעם יונגערן זוהן געגעבען צוויי מאָל אַזויפיל, ווי דעם עלטערן?

און ער ענטפערט בעזאַכט און רוהיג:

דער עלטערער זיצט אין שטוב און ווען ער וויל עסען, נעהמט ער און עסט, אָבער דער יונגערער זיצט אין ישיבה און קומט אַהיים אַ הונגעריגער, דעריבער האָב איך איהם גע־געבען מעהר, כּדי ער זאָל זאַט ווערען.

—איצט זעהען מיר,—האָבען זיך צולעצט אָנגערופען די חכמים,—אַז מען בעדאַרף יעדערן שטענדיג אויסרעכענען פון דער גוטער זייט.

בּיים געזעגענען זיך האָבּען די תַּלְמִידֵי חֲכָמִים געפרעגט:

—פאַרוואָס הערט גאָט צו דיין תְּפִלָּה גיכער, איידער אַנ׳-אנדערענס.

דערויף האָט ער זיי אויך געענטפערט:

—דאָס איז אין זכות פון מיין ווייב, וואָס אַיילט זיך שטענדיג אָנצוזעטיגען די אָרימעלייט, וואָס קומען צו איהר אין שטוב, און וואָס שנעלער אַ מענש גיט צְדָקָה, אַלץ גיכער הערט זיך גאָט צו צו זיינע תְּפִילוֹת און העלפט איהם אין אַ שלעכטער צייט.

דער אַנדער אייניקעל פון חוֹנִי הַמְעַגֵל איז אויך גע-ווען אַ גרויסער צַדִיק, און מען האָט איהם גערופען חָנָן הַנֶחְבָּא—דער בעהאַלטענער, ווייל ער פלעגט זיך בעהאַלטען, אַז מענשען זאָלען נישט זעהן זיין פרומקייט.